16 אָדער ווייסט איר נישט, אַז דער, וואָס באַהעפט
זיך מיט אַ זונה, איז איין גוף (מיט איר)?
וואָרום ער זאָגט: די צוויי וועלן זיין איין פלייש:
17 (בראשית ב, כד·) דער אָבער, וועלכער באַהעפט זיך מיט
18 דעם האַר, איז איין גייסט (מיט אים)· אַנטרינט זשע
פון זנות· יעדע זינד, וואָס אַ מענטש באַגייט, איז
אויסער דעם גוף; דער אָבער, וועלכער איז מזנה,
19 זינדיקט קעגן זיין אייגענעם גוף· אָדער ווייסט
איר נישט, אַז אייער גוף איז אַ היכל פאַר דעם
רוח הקודש, וועלכער איז אין אייך, וועמען איר
האָט פון ג־ט? און איר געהערט נישט צו זיך אַליין,
20 וואָרום איר זענט טייער געקויפט געוואָרן; דעריבער
זאָלט איר אָפּגעבן כבוד צו ג־ט אין אייער גוף!

## קאַפּיטל זיבן

7

1 און וואָס שייך דעם, וואָס איר האָט געשריבן; עס
איז גוט פאַר אַ מענטשן נישט אָנצורירן אַ פרוי·
2 נאָר צוליב זנות זאָל יעדער (מאַן) האָבן זיין אייגן
3 ווייב, און יעדע פרוי איר אייגענעם מאַן· זאָל דער
מאַן אָפּגעבן זיין חוב צו דער פרוי; און פונקט אַזוי
4 די פרוי דעם מאַן· די פרוי האָט נישט קיין דעה
צו זאָגן איבער איר אייגן לייב, נאָר דער מאַן;
און פונקט אַזוי האָט דער מאַן נישט קיין דעה צו
5 זאָגן איבער זיין אייגן לייב, נאָר די פרוי· שיידט
זיך נישט אָפּ איינס פונעם אַנדערן, אַ חוץ אויב איר
זענט מרוצה דערויף ביז צו אַ געוויסער צייט, כדי
איר זאָלט זיך אָפּגעבן מיט תפילה, און קומט זיך
ווידער צונויף, כדי דער שטן זאָל אייך נישט
ברענגען צו קיין נסיון דורך אייער נישט־אייני־
6 געהאַלטנקייט· און דאָס דאָזיקע זאָג איך בדרך